# נקדישך

די אומשאצבארע
**סגולה**
און די געוואלדיגע
**מעלה**
פון
**נישט רעדן ביים דאוונען**

גליון ז׳

## עס איז פשוט "נישט מענטשליך"

א יישר כח פאר'ן אריינשרייבן לעצטע וואך אינעם גליון די מעשה איבער דער הארבקייט פון נישט רעדן אינמיטן דאוונען. אלס "אל תמנע טוב מבעליו", וויל איך אייך דערציילן, אז פון דעם בית המדרש וואו איך דאוון האט אויך דער יצר הרע נישט פארגעסן, און עס זענען דא ביי אונז אסאך טייערע אידן, וואס אט-דער ענין קומט זיי אן זייער שווער, און וויפיל דער רב פון בית המדרש האט פרובירט צו טון דערין, האט ער נישט קיין סאך מצליח געווען. אבער אין דער וואך וואס דער גליון איז געווען פארשפרייט איז געווען א שטארקער שינוי לטובה, ויה"ר עס זאל אנהאלטן און מיר זאלן זוכה זיין בזכות זה צו ישועות ורפואות.

וועגן דער מעשה נורא וואס איר האט געדרוקט וועגן א איד וואס האט מקבל געווען אויף זיך אין שפיטאל נישט צו רעדן ביים דאוונען לזכות פאר זיין קינד וואס האט געדארפט א רפואה, און וואס א פאר וואכן שפעטער ווען די דאקטוירים האבן באטראכט דאס קינד האבן זיי פעסטגעשטעלט אז די מחלה איז נעלם געווארן - וויל איך זאגן, אז איך קען די בעלי העובדא, און עס איז אלעס אמת לאמיתו. איך וויל נאר צולייגן א קליין נקודה וואס יענער האט דערציילט, אז די מחלה איז געווען ל"ע אויף דריי ערטער אין דער לעבער, און שפעטער ווען דער איד איז צוריקגעגאנגען צום דאקטער האט מען מער גארנישט דארט געזען.

איך וויל אויספירן מיט א דערהער איבער דעם ענין: מיר ווייסן אז די מצוה פון תוכחה איז זייער שווער מקיים צו זיין ווי עס דארף צו זיין, און נאך שווערער איז אז עס זאל אנגענומען ווערן ביי דעם מענטש וואס מען איז מוכיח, ווי די גמרא זאגט, אז איינער פון די אמוראים האט אמאל געזאגט: עס וואונדערט מיר, צי עס איז נאך דא איינער וואס ווייסט ווי אזוי מוכיח צו זיין; אויב מען זאגט איינעם, "נעם ארויס דאס שפענדל פון צווישן דיינע ציין", וועט ער באלד צוריקענטפערן, "נעם ארויס די קורה פון צווישן דיינע אויגן", "קשוט עצמך ואחר כך קשוט אחרים" (ערשט מאך זיך אליין צורעכט, און דערנאך אנדערע).

מען זעט עס טאקע בחוש היינטיגע צייטן. עס איז נישטא כמעט קיינער וואס האט ליב צו הערן דברי מוסר. ווען מען וויל איינעם זאגן מוסר, דארף מען גוט וויסן ווי אזוי מען איז מוכיח כדי עס זאל נתקבל ווערן, און מען דארף האבן גרויס מזל אז יענער זאל אים פארשטיין ריכטיג און נישט ווערן בייז אויף אים.

מאידך גיסא, איז "מענטשליכקייט" יא געווארן היינט א שטארקע ארטיקל, און ווען איינער איז מעורר אויף עפעס וואס איז נישט מענטשליך וועט עס יענער געווענליך אננעמען און כאטש בפניו נישט ממשיך זיין דערמיט. לאמיר נעמען א פשוט'ן ביישפיל: איך געדענק נאך ווען עס איז געווען א נארמאלע ערשיינונג, א איד זאל זיך זעצן אין א ווינקל אין בית המדרש רייכערן א ציגארעט, און כמעט אין פוצה פה ומצפצף. יא, עס זענען געווען א פאר עלטערע אידן וואס פלעגן זיך קענען בייזערן, אבער פון זיי האט מען זיך ווייניג דערשראקן און נישט צו טון געמאכט, און אנדערע האבן זיך נישט געטרויט צו זיין קיין קיין ווארט. אבער היינט איז נשתנה העיתים און איכשור דרא. אז איינער וועט זיך זעצן רייכערן אויף א פלאץ וואס איז עס איז פארבאטן דארט צו רייכערן, וועט נישט דורכגיין קיין צוויי מינוט און מען וועט אים פאָרהאלטן און ווארענען ער זאל נישט רייכערן ווייל די פארשונגען ווייזן אז אריינאטעמען רויך פון א צווייטן וואס רייכערט מאכט, חלילה, קראנק.

וויל איך דעריבער מעורר זיין פאר די אידן וואס עס איז זיי שווער און זיי ווערן נערוועז ווען מען איז זיי מוכיח אז זיי זאלן זיך האלטן שטיל ביים דאוונען, אז רעדן ביים דאוונען איז פשוט "נישט מענטשליך". עס זענען דאך דא אזויפיל אידן וואס ווארטן אויף גרויסע ישועות מיט בני חיי ומזוני, ווער מיט א שידוך, ווערט מיט געזונט, צער גידול בנים ל"ע, אא"וו. ווער דארף דען נישט היינט קיין ישועה? נו, וואס טוט א איד ווען ער דארף א ישועה? ער שטעלט זיך דאוונען פאר'ן רבוש"ע. און וואו איז דאס חשוב'סטע פלאץ דערפאר? אין בית המדרש, ווי מיר ווייסן פון חז"ל. און ווען איז די בעסטע צייט צו דאוונען, אז די תפלות זאלן נתקבל ווערן? זאגט אונז די גמרא: "ואני תפלתי לך ה' עת רצון" - ווען איז אן עת רצון, "בשעה שהציבור מתפללין".

קומט דער איד אין בית המדרש זיך אויסוויינען פאר'ן רבוש"ע און ווארט אויף א ישועה, אבער אסאך מאל זעט ער אז די תפלה ווערט ליידער נישט געענטפערט. דער איד ווייסט נישט פארוואס, אבער אפט איז די סיבה גארנישט פארבונדן מיט אים, נאר ווייל זיינע שכנים אין בית המדרש רעדן ביים דאוונען און קריאת התורה, און נישט נאר וואס זייערע תפלות ווערן נישט מקובל, נאר אויך דער איידעלער איד וואס רעדט נישט ביים דאוונען און געדענקט אז דאס בית המדרש איז דאס הויז פון רבוש"ע, ליידט צוליב זיי. אזוי שרייבט אונז דער הייליגער קאזשניצער מגיד זי"ע אין ספר "עבודת ישראל" אויף אבות.

אזוי האט אויך הגאון ר' שלמה זלמן אויערבאך געענטפערט אמאל פאר א איד וואס האט אים געפרעגט אזא שאלה: אין דעם בית המדרש וואו ער דאוונט איז דא אן אנגעזעענער איד וואס הערט נישט אויף צו רעדן ביי חזרת הש"ץ און ביי קריאת התורה, און וויפיל ער האט פרובירט צו רעדן מיט אים, האט עס אבער גארנישט געהאלפן. צי זאל ער מקיים זיין דעם "וגוערין בו" און מוחה זיין אויך דעם איד ברבים?

הגאון ר' שלמה זלמן, וואס איז געווען באוואוסט מיט זיין איידעלן כאראקטער און צוגאנג און זיין כחא דהיתירא, האט דא נישט געטראפן קיין היתר פאר דעם איד, נאר אים צוריק געפרעגט מיט א שאלה: "זאגט נאר, ווען עס וואלט אריינגעקומען א טעראריסט אין בית המדרש, וואלט איר אויך געפרעגט די זעלבע שאלה, אדער וואלטסט נישט געטראכט קיין רגע נאר געטון אלעס וואס מעגליך יענעם צו מאכן אומשעדליך כדי זיך צו ראטעווען דאס לעבן?

"דער וואס רעדט בשעת'ן דאוונען," האט ר' שלמה זלמן אויסגעפירט, "איז ווי א טעראריסט פאר'ן גאנצן ציבור, ה' ישמרנו ויצילנו."

און דאס קען אפשר זיין א הסבר וואס מען טרעפט אין שולחן ערוך אזא לשון "גדול עוונו מנשוא וכו' וגוערים בו", וואס מען טרעפט עס נישט ביי אנדערע זאכן. אינעם ספר "דרך משה" (וואס דער הייליגער רב ייבי דערמאנט אים אין זיין ספר מורא מקדש) שרייבט ער אז דאס איז וויבאלד דער וואס רעדט ביי חזרת הש"ץ איז עובר אויפ'ן זעלבן חטא ווי קין. קין האט גע'הרג'עט זיין ברודער, הבל, און דער וואס רעדט ביים דאוונען טוט ממש דאס זעלבע, ווייל דורך אים ווערן אויך אוועקגענומען פון דער וועלט ר"ל אסאך קינדער פון דעם רבוש"ע.

וויפיל אידן וואלגערן זיך אין שפיטאל ל"ע ולא עליכם, מיט די ביטערע מחלה ה' ישמרנו. וויפיל זענען מיר מחוייב צו טון צו ראטעווען דעם מצב. איז עס דען "מענטשליך" צו פארגעסן די ווערטער פונעם פוסק הדור, בעל "שבט הלוי" זצ"ל, וואס האט געזאגט ברבים אין זיין שבת-תשובה דרשה פון תשע"ב: "איך בין זיכער אז ווען כלל ישראל וואלט זיך מקבל געווען נישט צו רעדן בשעת'ן דאוונען וואלט די ביטערע מחלה געווארן אוועקגענומען פון אונז."

על-כן, טייערע ברידער! אויב עס מאכט זיך אמאל א שוואכע מינוט און עס איז אייך שווער עומד בנסיון צו זיין נישט צו רעדן ביים דאוונען, געדענקט אז מען דארף זיך פירן "מענטשליך", נישט קאליע צו מאכן יענעמ'ס תפלות ארויפצוגיין צום כסא הכבוד, און אויב פארגעסט איר זיך אמאל און צעשמועסט זיך און איינער איז אייך מעורר, נעמט עס נישט אן ווי יענער וויל אייך באליידיגן. ער טוט עס נישט כדי צו ארבעטן אויף אייער שלימות, און ער איז אייך נישט דן. עס קען אפילו זיין, אז ער ווייסט אז איר זענט פיל חשוב'ער ווי ער. ער בעט אייך בלויז איין זאך: ליבער איד און גוטער פריינד, איך דארף נחת פון מיין משפחה. איך דארף געזונט און פרנסה. ביטע זייט אזוי מענטשליך, און מאכט מיר נישט קאליע.

דער רבוש"ע האט אונז געגעבן א געוואלדיגן כח צו קענען פועל'ן אינעם בית אלקים. ווען יעדער גיט אכטונג אויף קדושת המקום, זענען נישטא קיין מסכים המבדילים, און די תפלות גייען תיכף ארויף למעלה. עס קומט פאר יעדן איינעם אזויפיל, אז זיינע תפלות זאלן אנגענומען ווערן און נישט געשטערט ווערן צוליב דעם וואס פאר אנדערע איז שווער נישט צו רעדן ביים דאוונען. ווען ער בעט מען זאל נישט שמועסן, איז עס נישט מער ווי "מענטשליך", איר זאלט רעספעקטירן זיין פארלאנג כאטש נישט ווייניגער ווי די בקשה נישט צו רייכערן וואו עס איז פארבאטן.

צום שלוס: ווער עס האט שווערע נסיונות אין דעם ענין נישט צו רעדן ביים דאוונען, איז כדאי אז ער זאל וויסן אז ווען ער איז זיך מתגבר דערויף האט ער א פיל גרעסערן זכות הרבים. ווען אנדערע וועלן זען אז ער האט אנגעהויבן נזהר זיין דערין, וועלן זיי אויך נתעורר ווערן דערפון, וזכות הרבים תלוי

בו. ויה"ר שיתקבלו תפלותינו לרחמים ולרצון, און מיר זאלן זוכה זיין צו אלע השפעות וואס תפלה בציבור מיט קדושת בית המדרש ברענגען אונז.

בכ"ר, הרוצה שיתקבלו תפלותיו
ותפלתינו לרחמים ולרצון לפני אדון כל.
(-)

## א ישועה איבער נאכט!

ליינענדיג די מעשה פון די צוויי אידן וואס האבן זוכה געזען צו זען רפואות שלא כדרך הטבע, האב איך געוואלט מיטטיילן א פערזענליכע מעשה, וואס האט פאסירט מיט מיר זעלבסט, און כ'האב זיך מקבל געווען מפרסם צו זיין ברבים. די מעשה איז געווען ווי פאלגנד: מיין צען-יעריג אינגעל איז איין טאג אהיימגעקומען אינמיטן טאג פון חדר מיט הויכער היץ (פיבער) און א שרעקליכן פוס-ווייטאג. דער קינדער-דאקטער האט אונז תיכף אריינגעשיקט אין שפיטאל, זאגנדיג אז עס זעט אים אויס צו זיין א שטארקע אינפעקשאן וואס קען ח"ו אויפעסן די ביין פון פוס, ה"י, און עס מוז דרינגענד באהאנדלט ווערן.

אנקומענדיג אין "שערי צדק" שפיטאל (אין ארץ ישראל), האט מען אונז גלייך געשיקט צו דער ספעציעלער ביינער-אפטיילונג, און נאכן זען די בילדער פונעם "סי.טי." טעסט, האט אונז דער דאקטער געזאגט אז ס'איז טאקע א סכנה'דיגע אינפעקשאן און מ'דארף תיכף אנהייבן נעמען מעדיצינען דורך "איי.ווי.", און דאס קינד וועט דארפן בלייבן אין שפיטאל פאר א לענגערער צייט (בערך אכט וואכן!) כדי אז מ'זאל קענען האלטן א וואכזאם אויג אז די אינפעקשאן היילט זיך.

"איר זאלט אסאך מתפלל זיין," האט דער דאקטער געזאגט, "אז די אינפעקשאן זאל נישט ח"ו אריינגיין אין ביין פון פוס, ווייל דאס קען ח"ו גורם זיין אז ער זאל הינקען א גאנץ לעבן ה"י, און נאך ערגער פון דעם..." די ערשטע נאכט בין איך געבליבן אין שפיטאל מיט'ן קינד, און כ'בין געווען זייער צעטרייסלט פון זיין מצב. צוויי אזייגער ביינאכט, נאכדעם וואס מיין קינד איז ענדליך איינגעשלאפן, בין איך ארויף צום בית המדרש אויפ'ן אכטן שטאק אין שפיטאל און אנגעהויבן זאגן א פאר קאפיטלעך תהלים, אויסגיסנדיג דאס הארץ צום באשעפער, אז מיין זון זאל האבן א רפואה שלימה ברמ"ח איבריו ושס"ה גידיו.

ארויסגייענדיג פון ביהמ"ד, האב באמערקט א טאוול מיט אט די ווערטער: "המתפלל במנין בקביעות, והעונה אמן יהא שמיה רבה בכוונה, והנזהר שלא לדבר בשעת התפלה וקריאת התורה, זוכה שהגזירות נעצרות בשמים, וקורעין גזר דינו של שבעים שנה, וזוכה לבנים חיים וקיימים, וינצל הוא וכל יוצאי חלציו מכל צרה וצוקה ומכל נגע ומחלה, אמן".

די ווערטער האבן מיר געשלאגן אין פנים אריין! איך האב ליידער גוט געוואוסט ביי זיך מיין מצב בנוגע "תפלה בציבור" בכלל, און לגבי "מורא מקדש" בפרט. כ'פלעג ליידער אסאך רעדן בשעת'ן דאווענען און קריאת התורה, און מיין דאווענען האט געדארפט א גרויסן תיקון. ליינענדיג דעם טאוועל, בין איך געווארן צעבראכן אויף שטיקער און עס האבן מיך אנגעכאפט שרעקליכע שולד געפילן. כ'בין צוגעגאנגען צום (פארשפארטן) ארון הקודש, אוועקגערוקט דאס פרוכת און אויסגעפלאצט אין א ביטער געוויין... א זאך וואס האט נאך קיינמאל נישט פאסירט צו מיר. כ'האב געוויינט און געוויינט... און די טרערן זענען געפלאסן אן אויפהער. עס האט מיך אנגעכאפט א מורא'דיג חרטה-געפיל אויף מיין התנהגות ביז היינט, אויפ'ן חילול ה' און בזיון בית המדרש וואס כ'פלעג טון ברבים, און אויפ'ן זיין אזא כפוי טובה אויף די אלע גוטע זאכן וואס דער רבוש"ע האט געטון מיט מיר און מיין משפחה ביז היינט. דארט, אין פארנט פון ארון הקודש, האב איך זיך מקבל געווען בלי נדר, אז כ'וועל מער נישט שמועסן בשעת'ן דאווענען און קריה"ת. געענדיגט מיט די אלע מיטגעכאפטע תפילות און מיט'ן זיך דרייען אינדרויסן. נישטא מער קיין סעלפאן און געשעפטן אין ביהמ"ד. הגם כ'האב געוואוסט אז איך נעם אויף זיך גרויסע און שווערע ענדערונגען, האבן אבער די חרטה-געפילן און מיין קינד'ס מצב מיך געצוואונגען זיך צו געבן א שטארקן דריי און ווערן בעל תשובה איבער נאכט.

כ'ווייס אז די קומענדיגע שורות וועלן אויסזען מוגזם, אבער ס'איז דברים כהווייתן: דעם אנדערן טאג האט מען גענומען בלוט-טעסטן צו זען אויב די מעדיצין האט אנגעהויבן ארבעטן. ווען די רעזולטאטן זענען צוריקגעקומען, האב איך געזען ווי איין דאקטער רופט דעם צווייטן און זיי רעדן צווישן זיך. זיי האבן געלאזט רופן דעם הויפט-פראפעסאר פון יענער אפטיילונג, און דער דאקטער האט באשטעטיגט אז מ'זעט גארנישט פון דער גאנצער אינפעקשאן. דאס איז געווען א גרויסע פלא, ווייל אלע נעכטיגע טעסטן האבן געוויזן קלאר די אינפעקשאן. "איך בין שוין דרייסיג יאר א דאקטער," האט דער דאקטער געזאגט מיט שטוינונג, "און איך האבן אין מיין גאנצער קאריערע נישט געזען אזא נס! "אזוי ווי ס'איז היינט ערב שבת," האט דער דאקטער ווייטער געזאגט, "קענט איר אהיימגיין אויף שבת, און דאס קינד זאל נעמען אנטיביאטיק אין מויל. מוצאי שבת זאל מען צוריקקומען, און מ'וועט זען וואס מ'וועט ווייטער טון." מיר זענען אהיים אויף שבת, און דאס קינד האט זיך געפילט כאחד האדם. ער איז אפילו מיטגעקומען מיט מיר אין ביהמ"ד (ער האט מיך אפשר נישט דערקענט אין ביהמ"ד...).

מוצאי שבת זענען מיר צוריקגעפארן אין שפיטאל. מען האט נאכאמאל גענומען די טעסטן, וואס האבן "גארנישט" געוויזן פון דער גאנצער אינפעקשאן. מ'האט אונז אהיימגעשיקט אן קיין שום מעדיצין, בשעת די דאקטוירים זענען געשטאנען פארוואונדערט און געפלעפט, און געפרעגט וועלכע סגולה מיר האבן דא געטון אז ס'האט אונז פאסירט אזא גרויסער נס איבער נאכט!

כ'האב צוגעזאגט מפרסם צו זיין דעם נס פאר אנדערע אידן וואס דארפן ישועות און רפואות, שידוכים און פרנסות. דער מקור הישועות ליגט אין ביהמ"ד, מ'דארף נאר זען נישט מקלקל צו זיין די צינורות וואס ברענגען די השפעות. זייט מקבל אויף זיך צו געבן כבוד פאר'ן בית ה'. רעדט נישט בשעת'ן דאווענען און קריאת התורה, און איר וועט באהיטן ווערן פון אלעם בייזן. אמן!

כה לחי בזיכוי הרבים בכל קצוות תבל,
א. ב. ח. ירושלים עיה"ק


בס"ד




מי שברך שתיקן רבינו התוספת יו"ט זיע"א בזמן הגזירות:

**מִי שֶׁבֵּרַךְ אֲבוֹתֵינוּ, אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב, מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן, דָּוִד וּשְׁלֹמֹה, הוּא יְבָרֵךְ אֶת כָּל מִי שֶׁשּׁוֹמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ שֶׁלֹּא לְדַבֵּר בְּעֵת הַתְּפִלָּה, הַקָּבָּ"ה יִשְׁמְרֵהוּ מִכָּל צָרָה וְצוּקָה וּמִכָּל נֶגַע וּמַחֲלָה, וְיָחוּלוּ עָלָיו כָּל הַבְּרָכוֹת הַכְּתוּבוֹת בְּסֵפֶר תּוֹרַת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וּבְכָל סִפְרֵי הַנְּבִיאִים וְהַכְּתוּבִים, וְיִזְכֶּה לִרְאוֹת בָּנִים חַיִּים וְקַיָּמִים וִיגַדְּלֵם לְתוֹרָה וּלְחֻפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים, וְיַעֲבוֹד אֶת ה' אֱלֹקֵינוּ תָּמִיד בֶּאֱמֶת וּבְתָמִים וְנֹאמַר אָמֵן:**

ומקדשי תירלו

מוגש כחומר למחשבה ע"י חברת "ויראת מאלקיך" - "ומקדשי תיראו" | להשיג חינם: 0533-199990 | a0573199990@gmail.com